קודם, וואס איז א סוכה? טעקניקלי איז אויך דא הלכות, דו קענסט דאך זאגן אז ס'איז א מצוה צו וואוינען אין א סוכה, און וואס איז א סוכה כשרה. אבער דער רמב"ם טראכט כאילו, דו דארפסט קודם האבן א סוכה, און נאכדעם אז דו האסט א סוכה קענסטו זיצן אין דעם, די הלכות פון זיצן.

זאגט ער דאך דא, קודם דארפסטו האבן א תפילין, דו ווייסט וואס א תפילין איז, גייט ער דיר זאגן ווען מ'טוט עס אן, וואס מ'טוט מיט דעם. סא אפשר לויט דעם מאכט עס גראדע יא סענס, קענסטו זאגן אז דאס איז די הקדמה.

ער האט נישט אנגעהויבן סתם צו זאגן הלכות כתיבת ספר תורה, ער האט אנגעהויבן צו זאגן וואס איז א ספר תורה. ווייל אין אנדערע ווערטער, אין וועלכע מצוה איז די הלכה? ס'איז נישט קיין מצוה, ס'איז די תנאים פון די חפצא דקדושה. וואס מאכט דאס פאר א כשר'ע תפילין?

רייט, אבער דער רמב"ם רעכנט אויך נישט אויס אזא מין בעיסיק זאך ווי אז ס'איז הלכה למשה מסיני אז תפילין דארף האבן די פיר פרשיות.

איי, ער גייט זאגן. אה, ווייל דאס איז א... דאס איז א... ברענגען א מקור, וויאזוי ווייסט מען אז מ'דארף שרייבן די פרשיות?

**דיסקוסיע: דער מקור פאר די פיר פרשיות**

ס'שטייט אין תורה בכלל אז ס'איז דא פיר פרשיות? ס'שטייט אין א משנה, ס'שטייט יא, די פיר פרשיות. אויף די פיר פרשיות שטייט **"וכתבתם אותם על מזוזות ביתך ובשעריך"**. שטייט "וכתבתם" מיינט ער רעדט וועגן זיך, "וכתבתם" די זאך וואס איך רעד יעצט, די שטיקל, די פרשה זאלסטו שרייבן.

יא, דער רמב"ם ברענגט נישט דאס דא, אפשר שפעטער ברענגט ער דאס, יא, וועגן דעם. ער ברענגט בכלל נישט די... ווי די... אקעי. אבער דו דארפסט געדענקען, די פרק רעדט אפילו נישט פון דעם. איך מיין אז אביסל אין פרק א' רעדט ער וועגן די פרשיות, אין פרק ג' רעדט ער פון די סדר הפרשיות. ער ברענגט קיינמאל נישט די נקודה וואס דו זאגסט, ער רעדט וועגן דעם בכלל. אבער די נושא פון די פרק איז נישט באמת יענץ, דו ביסט גערעכט, די סקופ איז קליין.

דו האסט נישט איינגעפירט אז איינער גייט... ס'איז געווען אבער אובּרי חכמים, איך ווייס צדוקים וואס האבן געשריבן אנדערע זאכן טאקע אין זייערע תפילין. אבער דער רמב"ם זעט אויס איז נישט געווען וואריד פון יענץ.

ווייל די צדוקים האבן מסתמא געהאלטן אז תפילין מיינט א קמיע, און וועלכע קמיע מיינט אז מ'לייגט עניטינג.

ניין ניין, דאס איז נישט ריכטיג. דאס האט דער רשב"ם אויפגעקומען אין די תורה. די עקטשועל צדוקים און די זאכן האבן געשריבן פשוט אנדערע זאכן אין זייערע תפילין. סאו איך ווייס נישט, זיי האבן געהאלטן אז תפילין מיינט א קמיע, און וואסערע קמיע קען מען שוין... ס'שטייט דאך נישט, יא, דער רמב"ם רעדט נישט וועגן דעם.

ס'שטייט דאך נישט אין די פסוק "וכתבתם פרשה זו", ס'שטייט "וכתבתם". איך קען זאגן שרייב עשרת הדברות, איך ווייס וואס.

די חכמים האבן געזאגט אז טוטפות מיינט פיר פרשיות, טט און פס, יא. זיי האבן געזאגט אז טוטפות מיינט פיר פרשיות, און זיי האבן געזאגט וועלכע פיר פרשיות. די פיר פרשיות וואו ס'ווערט דערמאנט די מצוה פון תפילין.

רייט, אבער ס'איז נישט דוקא. פארוואס זאל מען שרייבן די מצוה פון תפילין? אפשר זאל מען שרייבן סתם וויכטיגע מצוות, איך ווייס. מ'האט געקענט לערנען אנדערש. דאס איז די מסורה, די חכמים האבן אזוי פארשטאנען, האבן זיי מקבל געווען.

אבער דער רמב"ם גייט נישט אריין אין דעם, דו ביסט גערעכט, ער וואלט געקענט שרייבן. אפשר איז דער רמב"ם נישט געווען וואריד. אסאך מאל איז דער רמב"ם וואריד אז איינער זאל זאגן אן אנדערע פשט. דא זעט אויס אז ס'גייט פון די אנדערע פשטן, ער איז נישט געווען וואריד דערוועגן.

אבער דאס איז זיכער אז די פרק רעדט נישט וועגן דעם. די פרק איז דיסקרייבד וואס איז א תפילין, וואס איז א...

**די פיר פרשיות – לשון הרמב"ם**

ער זאגט אזוי, **"ארבע פרשיות אלו הן פרשת קדש לי ופרשת והיה כי יביאך שבספר שמות"**, די וואך איז והיה כי יביאך ה' אל ארץ, איז דא דארטן אפיקורסים אדער איך ווייס וואס.

איז דאס די וואך והיה כי יביאך פון פרשת וואס רעדט וועגן תפילין, פטר חמור, און די פאר זאכן. פון שמע, והיה אם שמוע, די פיר פרשיות.

זיי, ער רעכנט עס אויס, דער רמ"א דא רעכנט זיי אויס לויט די סדר ווי עס שטייט אין די תורה, רייט?

יא. קדש לי, אזוי לויט די סדר ווי עס איז

**הלכות תפילין ומזוזה וספר תורה – פרק א' הלכה א' (המשך)**

**פארוואס שרייבט דער רמב"ם נישט די מצוה פון תפילין?**

**Speaker 1:** ווייל, דו וואלסט געקענט זאגן לאו דווקא, פארוואס זאל מען שרייבן די מצוה פון תפילין? אפשר זאל מען שרייבן סתם וויכטיגע מצוות. איך ווייס, מ'האט געקענט לערנען אנדערש, דאס איז די מסורה, די חכמים האבן עס אזוי פארשטאנען, האבן זיי מקבל געווען. אבער די רמב"ם גייט נישט אריין אין דעם.

**Speaker 2:** דו ביזט גערעכט, ער וואלט געקענט שרייבן.

**Speaker 1:** אפשר איז די רמב"ם נישט געווען וואריד, אסאך מאל איז די רמב"ם וואריד אז איינער זאל זאגן אן אנדערע פשט. ער טוט נישט אויס אז ס'גייט פון די אנדערע פשט, ער איז נישט געווען וואריד דערוועגן. אבער דאס איז זיכער אז די פרק רעדט נישט וועגן דעם. די פרק איז דעסקרייבד וואס איז א תפילין, וואס איז א...

**הלכה א': די פיר פרשיות פון תפילין**

**דער רמב"ם'ס ווערטער**

**Speaker 1:** ער זאגט אזוי: **ארבע פרשיות אלו, שהן פרשת קדש לי, ופרשת והיה כי יביאך, שבסוף ספר שמות, ושמע, והיה אם שמוע.**

**Speaker 2:** וכן נבוכים, והיה כי יביאך, שמע, וואטעוור, זיי האבן געהאט אן אנדערע בקיאות, אדער אן אנדערע ווארט.

**Speaker 1:** איז דאס די והיה כי יביאך פון פרשת בא, וואס רעדט וועגן תפילין, פטר חמור, און די אלע זאכן, ושמע והיה אם שמוע. די פיר פרשיות, יא, זיי... ער רעכנט זיי אויס, די רמב"ם דא רעכנט זיי אויס לויט די סדר ווי זיי שטייען אין די תורה, רייט?

**Speaker 2:** יא, קדש לי, לויט די סדר ווי זיי שטייען.

**Speaker 1:** יא, יא, באלד אין פרק ג' וועט מען זען וואס איז די סדר וואס מ'דארף לייגן. אבער דא פשוט רעכנט ער עס אויס ווי ס'קומט אין די תורה.

**נכתבות בפני עצמן**

**Speaker 1:** **הן שנכתבות בפני עצמן** – זיי ווערן געשריבן עקסטער, ס'טייטש נישט מ'שניידט זיי נישט ארויס פון א געשריבענע ספר תורה אדער עפעס.

**ומקיפין אותן בעור** – מ'נעמט עס ארום מיט הויט.

**ונקראין תפילין** – מ'נעמט די פיר פרשיות, מ'דעקט עס צו מיט הויט, שפעטער וועט ער זאגן מער פונקטליך וויאזוי מ'דעקט עס צו מיט הויט, ונקראין תפילין. דאס איז די טייטש תפילין. דאס הייסט, דאס ווערט גערופן תפילין.

**דיסקוסיע: פארוואס הייסט עס תפילין?**

**די פראבלעם מיט דעם ווארט "טוטפות"**

**Speaker 1:** אונז האבן געזוכט פארוואס הייסט עס תפילין, ס'איז זייער אינטערעסאנט. די רמב"ם, אגיין, אפילו דו ביסט גערעכט, די רמב"ם וואלט געדארפט אפשר אריינגיין אין דעם. אפשר די תירוץ איז אזוי ווי מיר האבן גערעדט פון די רדב"ז אין די פריערדיגע הלכה, אז זאכן וואס ס'איז פשוט

וואס יעדער איינער טוט, יעדער איינער ווייסט, האט די רמב"ם נישט אריינגעגאנגען אין דעם. איך ווייס נישט צו ס'איז א גוטע תירוץ, אבער איך האב נישט געזען ווילאנג קיין בעסערע תירוץ.

אבער אונז האבן זיך געמוטשעט, אין די תורה שטייט **"וקשרתם לאות"** און **"והיו לטוטפות"**. "אות" ווייסטו וואס ס'איז, א צייכן, א סימן, א צייכן. אבער "טוטפות" ווייסט קיינער נישט וואס ס'איז די טייטש. די גמרא זאגט דאך, די טייטש פון "טט" בכתפי, "פת" באפריקי, איך ווייס נישט וואס איז די עברי טייטש. "טוטפות" איז אזוי הייסט די זאך, "טוטפות", גיי טייטש מיר עפעס.

און די תרגום... אזוי הייסט אזא מין זאך טוטפות. מ'האט עס געדארפט נאך ערגעצוואו טרעפן די טוטפות. ערגעצוואו אין גאנצן מלחמת שלמה המלך האבן זיי אויסגעשטעלט אן קרוין און זיינע טוטפות. איך ווייס נישט וואס, אבער ס'איז אריינגעפאלן בטעות אמאל. ס'פאלט נישט בטעות אריין אזא זאך.

**Speaker 2:** ס'איז טאקע, ס'קען נישט זיין.

**Speaker 1:** ס'איז נישטא ערגעץ anyway דערמאנט. אונז האבן עס דאך געזוכט אז מ'זעט נופת צופים און טוטפות האבן זיי א קשר, אבער ס'איז נישט די לשון, נאר ס'איז דורך א גמטריא. ס'איז דא נאך אפאר ווערטער. דער רב שרגא פראנק האט געשריבן א ספר, איך געדענק נישט וויאזוי ס'הייסט, מיט אלע ווערטער וואס שטייט נאר איינמאל אין גאנץ תנ"ך, אפאר הונדערט ווערטער וואס שטייט נאר איינמאל. ס'מאכט זיך, ווייל פונקט דא איז נישט דא אן אנדערע געלעגנהייט צו דערמאנען דעם טוטפות, זאל איך טון? וואס קען מען טון וועגן דעם? דו האסט נישט קיין ווערטערבוך.

### דער תרגום אונקלוס — תפילין

**Speaker 1:** סאו, וואס זוכ איך דא? אה, תפילין. יא, סאו מיר האבן געזען אז... אה, אה, ס'קומט דער תרגום. קוק אויב דו לייגסט אן... נעכטן האבן מיר געלערנט אז מ'דארף לערנען שניים מקרא ואחד תרגום, ווייל מ'ווייסט נישט וואס ס'איז טוטפות. סאו מ'דארף זאגן... יעצט ווייסטו, נישט צווי זאכן, ווייל דו ווייסט אויך נישט וואס תפילין איז. דער תרגום מיינט צו זאגן ביידע תפילין, ווייל דו זעסט וויאזוי ס'איז. דער תרגום האט דאך יא בארויגט. דער תרגום האט געזאגט אז אונז ווייסן מיר וואס ס'מיינט טוטפות, און ס'איז דא א פשט אז ס'הייסט תפילין.

**Speaker 2:** יא, אבער ס'איז נישט קיין טייטש, ס'איז נאר נאך... ס'איז נאר א מחלוקת בין שם לשם.

**Speaker 1:** אין די תורה האט עס געהייסן טוטפות, און בלשון חכמים, אין די דרשות פון חכמים הייסט עס תפילין. ממילא זאגט ער דיר וואס ס'איז. יעצט ווייסטו וואס ס'איז ווייל דו גייסט אין שול, אבער ווען דו וואלסט געווען א גוי וואלסטו נישט געוואוסט וואס ס'איז.

איז ממילא עד היום הזה ווייסט מען נישט וואס ס'איז.

### דער טור — מלשון פלילים

**Speaker 1:** דער טור טענה'ט אז תפילין איז מלשון פלילים, מלשון אזוויי א משפט, **"ונתנו בפלילים"**, א ויכוח כלפי מעלה מיט'ן אייבערשטן, א שמועס מיט'ן אייבערשטן. אזוי ווי תפילה. תפילה שטימט אזוי, אבער לכאורה האט ער פארשטאנען אז טוטפות, אדער תפילין, איז מלשון אות. אזוויי ס'שטייט "לאות", און אין די תורה שטייט דאך "אות", איז דאס איז ווי א ראיה, ס'איז א ראיה אז **"שם ה' נקרא עליך"**, אדער אז ס'איז דא א גאט, whatever. ס'איז ווי א ראיה, ס'ברענגט אן ארגומענט פאר א זאך. יא, פאר אים איז מלשון פלילים אז ס'איז א ראיה, ס'איז מלשון אות אדער עדות. אזוי האט דער טור פארשטאנען.

### דער פשוט'ער פשט — תפילין מיינט קמיע

**Speaker 1:** אנדערע טענה'ן, אזוי זעט מיר אויס מער פשוט'ע פשט, אז די ווארט תפילין, אדער תפילה, איינס הייסט תפילה און צוויי תפילין, איז געווען אין די אמאל'יגע צייטן, אזוי האט מען גערופן אזוויי א קמיע, א זאך וואס איז ארומגענומען אזעלכע סארט זאכן. ס'איז א נאמען פאר די חפץ. זיי האבן געוואלט באשטעלן אויף עמעצן א קליינע שטיקל צעטל וואס איז ארומגענומען מיט א דיקע שטיקל לעדער, ווערט דאס אנגערופן תפילין. און די תורה זאגט אז מ'זאל נעמען די פרשיות און מאכן מיט דעם אזא קמיע.

ס'זעט אויס אז ס'איז געווען אזא מין פענאמען פון א קמיע, ווי א מענטש טוט זיך עפעס אן, ווי מ'זעט אין די גמרא אין הלכות שבת, מ'טוט זיך עפעס אן און מ'גייט דערמיט. און ס'איז דא עד היום הזה, א מענטש וואס איז א זאך וואס איז וויכטיג פאר דעם מענטש, אדער ס'איז סענטימענטאל, אדער ווייל ער פילט אז ס'איז א שמירה. די תורה זאגט, נעמט די פרשיות אין די תורה וואס רעדט וועגן אמונה און וועגן יציאת מצרים, מאכט זיי א קמיע.

איז לכאורה דאס איז די טייטש.

### ראיה פון תרגום השבעים – phylacteries

**Speaker 1:** איך אויף ענגליש זאגט מען "פילעקטעריס", און דאס קומט פון די יווניש, די תרגום השבעים, וואס זיי האבן געשריבן די גריסע חכמים פון תפילין, זיי האבן געשריבן "פילעקטעריא", וואס איז אויף יווניש, און אויף יווניש פילעקטעריא טייטשט קמיע. סאו ס'זעט אויס אז די טייטש איז קמיע, און תפילין איז זעט אויס אויך אזא ווארט.

סאו זעט אויס אז דו האסט געברענגט צוויי דוגמאות, איינס פון אונקלוס און איינס פון תרגום יווני, אז טאקע אין לשון הקודש איז טאקע נישט דא קיין גוטע וועג פון מסביר זיין וואס ס'איז, אבער מ'ברענגט אריין א מילה פון אן אנדערע שפראך. דו ווייסט אזוי נישט וואס דאס איז.

### וואס מיינט קמיע?

**Speaker 2:** ניין, אבער דו זעסט אז אידן האבן נישט אויפגעגעסן אסאך די קמיע, ווייל ס'ווערט נישט געברענגט אסאך, אונז באגעגענען עס נישט אין די תורה.

**Speaker 1:** אה, נאך קמיעות?

**Speaker 2:** ניין, דאס איז די אידישע קמיע.

**Speaker 1:** ניין, די איינציגסטע זאך וואס מיר באגעגענען איז אין מסכת שבת דארטן אין חז"ל. דו זעסט אז אין די תורה איז נישט געווען קיין אנדערע קמיעות אויסער די טוטפות.

מ'טרעפט יא אין חז"ל די לשון קמיע, די פועל, די ווערב קמיע, אדער די נאוון קמיע, סאמטיים אויף תפילין. סאו זעט מען אז זיי האבן פארשטאנען אז ס'איז בעצם... אין אנדערע ווערטער, דאס זאגן אונז ווייל מ'זאל פארענטפערן א קשיא. אסאך מאל קען פרעגן א מענטש א קשיא אז די תפילין איז א פאני זאך, מ'לערנט הויט, מ'לייגט א פעיפער, ס'קומט נישט אריין בכלל, ווייל אונז זענען נישט צוגעוואוינט בכלל צו די סארט זאכן. למשל, א ספר תורה פארשטייט יעדער איינער, ס'איז דא א זאך ווי א בוק, דאס איז א סארט בוק, ס'איז גע��אכט אויף די אלטמאדישע וועג וכו', פארשטייט יעדער איינער. אבער תפילין, די עולם ווייסט בכלל נישט וואס ס'איז.

יעצט האבן מיר דיסקאווערט אז תפילין איז א קמיע. וואס הייסט א קמיע? מ'נעמט א שטיקל פארמענט, מ'שרייבט אריין א וויכטיגע זאך, מ'לייגט עס... ס'איז אזוי ווי אסאך מענטשן האבן אין זייער בערזל א פיקטשער פון זייער טאטע וואס לעבט שוין נישט, יא? דאס איז א מין קמיע. א קמיע מיינט נישט אז ס'היט מיך אפ פון מזיקים, ס'היט מיך אפ פון פארגעסן. ס'היט מיך אפ פון... ס'ברענגט מיר געדענקען, יא, **"לזכרון בין עיניך"**. ס'איז דא מענטשן וואס האבן א געוויסע מין קייטל, איך ווייס ווער האט עס פון די האסטעדזשעס, ברוך השם ער איז שוין ארויס. עפעס איז זייער וויכטיג, ס'איז א נארמאלע זאך, מענטשן לייגן היינט באמפער סטיקערס אדער אלע אנדערע מיני וועגן פון זיך אידענטיפייען. א קמיע איז אדער א קמיע פון מזיקים, אדער איז פשוט אן עדות אז זיי אידענטיפייען זיך מיט'ן אייבערשטן און זיי אידענטיפייען זיך מיט אידישקייט.

אבער פארדעם הייסט עס תפילין, ווייל תפילין איז פשוט'ע טייטש קמיע. אזא סארט קמיע, אפשר אזא סארט קמיע וואס איז די עיקר נישט להגנה. אבער די מקובלים זאגן יא, איך מיין אפשר דער רמב"ם וואלט נישט געווען העפי אז תפילין, למה נקרא שמם תפילין, ווייל יא, די מקובלים זאגן יא חז"ל אזוי, יא, ס'איז דא פלעצער. אבער דער רמב"ם זאגט פריער אז מ'טאר נישט ניצן א ספר תורה פאר א קמיע. ער גייט אויף זאגן פארוואס דאס איז אזוי, וועגן דעם.

#### וואס טוט מען מיט די תפילין?

**Speaker 1:** זאגט דער רמב"ם ווייטער, וואס טוט מען מיט דעם? דער רמב"ם זאגט אבער נישט... דא טוט דער רמב"ם יא ממש א סורפרייז, ער זאגט, דאס הייסט תפילין. דאס איז נישט געווען דאס ווארט תפילין. תפילין איז די באקסעלע מיט די פרשיות. און וואס טוט מען מיט דעם? מ'לייגט עס אויפ'ן קאפ, **"והיה לך לאות על ידך"**, און **"וקשרתם לאות על ידך"**, מ'בינדט עס ארום די האנט.

#### קשירה ביי של יד vs. של ראש

**Speaker 1:** דער רמב"ם זאגט נישט "וקשרתם על הראש", נאר אויף די יד ברענגט ער די לשון קשירה. אויך ביי די מצוה, באמערקט, **"והיה לך לאות על ידך ולטוטפת בין עיניך"**. אינטערעסאנט. און ביי "וקשרתם", ביי "וקשרתם" שטייט דאך די של יד. די של ראש, די של ראש פון קאפ ליגט עס, ס'איז נישט געבינדן. אינטערעסאנט. די ראש איז גענוג פלאך, מ'קען עס לייגן. ס'מאכט א קשר. מ'לייגט עס דורך רצועות, אבער די רצועות איז דאך נישט די עיקר תפילין, די רצועות איז דאך די... ס'איז א חלק פון די תפילין.

אבער דא מיינט ער נישט צו זאגן די מצוה, וויאזוי די מצוה איז. ער מיינט צו זאגן אז דאס איז וואס א תפילין איז, אזא זאך וואס מ'טוט דאס מיט.

#### אפילו קוצו של אות אחת מעכב

#### די הלכה

**Speaker 1:** די הלכה וואס ער וויל זאגן איז דאס, אז **אפילו קוצו של אות אחת מארבע פרשיות מעכבות כולן מן התורה, עד שיהיו נכתבות שלימות כתקונן.**

#### מחלוקת ראשונים: וואס איז "קוצו של יו"ד"?

**Speaker 1:** סאו דא איז דא אן אינטערעסאנטע מעשה. דער רמב"ם זאגט די לשון "קוצו של אות אחת". יעצט, אין די גמרא, די לשון פון די גמרא איז געשטאנען "קוצו של יו"ד". אפילו "קוצו של יו"ד". ס'איז דא א גרויסע מחלוקת ראשונים וואס איז די טייטש "קוצו של יו"ד".

#### שיטת רש"י — דער פשוט'ער פשט

**Speaker 1:** מיינט א קליינטשיגע עק פון א יוד. אזוי ווי למשל א יוד האט דאך אזוי ווי צוויי חלקים, יא? אויף די רעכטע זייט קומט אראפ אזא קליינע שטיקל, און אויבן איז אזא ליין. איז פשטות טייטש, ווי רש"י האט געטייטשט, אז די קוץ מיינט דאס שטיקל. אויב דו וועסט נאר מאכן א דאט פון אויבן, וועסטו נישט וויסן אז ס'איז בכלל א יוד, ס'איז מעכב, ס'איז אויס יוד. דאס איז די פשטות'דיגע טייטש, קוצו של יוד.

#### א נאך פשוט'ערער פשט — צורת האות

**Speaker 1:** און ס'איז דא אפילו וואס ווילן זאגן אפילו נאך פשוט'ער, אז קוצו של יוד קען מיינען אז פשוט די סקווערנעסס דערפון. אין אנדערע ווערטער, ס'איז דא אותיות, למשל ביי יוד, ס'איז נישט ממש אזוי, אבער א סמ"ך מיט א מ"ם, אן ענד-מ"ם מיט א סמ"ך איז די זעלבע זאך, נאר די חילוק איז די רונדיגקייט. אדער אויך א דל"ת מיט א רי"ש, אונז מאכן מיר א דל"ת און מיר לייגן צו נאך א שטיקל, אבער ס'איז אמאל געווען אויך א שיטה אז די דל"ת און רי"ש איז די זעלבע זאך, נאר די רי"ש איז רונדיגער און די דל"ת איז שפיציג. איז דאס איז די קוץ, אז ס'מוז זיין, און נישט דו קענסט זיך פארטוישן מיט אן אות. אבער דאס איז די פשוט'ע פשט אפילו א קוצו איז מעכב, און דאס איז לכאורה די רמב"ן, אז א קוץ אחד מיינט פשוט די חלק העליון.

#### שיטת רבינו תם — דער קוץ שמאל

**Speaker 1:** רבינו תם אבער האט געהאלטן אז דאס שטימט נישט, ווייל אוודאי האט ער געהאלטן אז דאס איז פשוט, אפילו א קוצו של יוד, אוודאי דארפסטו האבן א יוד, נישט קיין יוד. ממילא האט רבינו תם מחדש געווען אז א יוד האט נאך א שטיקל, אויף די לינקע זייט מאכט מען, אזוי מאכן אונז אלע אשכנזים מאכן אזוי, אין אונזער יוד לייגט מען אראפ אביסל, אין א ספר תורה אביסל קומט אראפ אזא קליינע הארעלע אזא, און דאס הייסט די קוצו של יוד וואס איז מעכב. ביי די ענד, דאס הייסט ביי די אנהייב איז מאסיוו, א יוד גייט, זעט אויס אזוי, גייט, ביי די לינקע זייט, לעבן די... יא, ס'קומט עפעס ארויס א שטיקל.

ס'איז דא אנדערע וואס טייטשן אז קוץ מיינט די תגין, אבער דאס הייסט קוצו של רבינו תם, ווייל רבינו תם האט מחדש געווען א נייע, א נייע יסוד, חידוש אין די כתב, ווייל ס'שטייט נישט קוצו של יוד, ס'שטייט משנה גיין א קוצו של יוד.

#### א פשוט'ער פשט — יוד איז די קלענסטע אות

**Speaker 1:** אה, פשוט, איך האב נאך א פשוט'ע פשט, איך וויל זיך דערמאנען, איך דערמאן זיך. איר זאלט מיר מוחל זיין אז איך זאג אזויפיל זאכן, מיר וועלן שוין לערנען ווייטער. א יוד איז די קלענסטע אות. וועגן דעם זאגט מען אפילו א יוד, ווייל א קוצו של יוד איז די קלענסטע פון די קלענסטע. אויף ענגליש אויך איז דא אן עקספרעשאן, אפילו "one iota", איך ווייס נישט אויב איר האט אמאל געהערט. "Iota" איז פשוט א יוויניש פאר יוד. אז יוד אין יוויניש איז "iota". מען שרייבט עס אביסל אנדערש אין יוונית, אז מען האקט מער ווייניגער א קליינע ליין, און ס'איז פשוט די זעלבע...

**Speaker 2:** דו האסט לעצטנס געשריבן א בוך וואס הייסט "קיצור שולחן ערוך" אדער וואס?

**Speaker 1:** ניין, איך זאג דיר סתם. איך האב נישט געשריבן. איך זאג דיר סתם אן אינטערעסאנטע זאך. קיצור שולחן ערוך און מנורת המאור איז די זעלבע נקודה. דאס איז די הלכה, אז ס'דארף זיין שטימען.

זייער גוט. אפילו אויב ס'פעלט איינע פון די אותיות איז אנגעקומען א תורה, ווייל די באנד איז דעת אז ס'האט אלע פון די איד.

#### **הלכות תפילין ומזוזה וספר תורה – פרק א' (המשך): "קוצו של יוד", עשרה דברים בתפילין, והלכות דיו וקלף**

#### הלכה א' (המשך) – "קוצו של יוד" און "וואן איוטע"

**Speaker 1:** וואן איוטע, יא. איוטע איז פשוט א יוויניש ווארט פאר א יוד. אז א יוד אין יוויניש איז אן איוטע. עס מיינט, מען שרייבט עס א ביסל אנדערש אין יוויניש, עס איז אויך מער ווייניגער א קליינע ליין, און עס איז פשוט די זעלבע לעטער. עס איז דא א בוק וואס הייסט "קיצור של יוד" אדער וואס?

**Speaker 2:** ניין, איך זאג דיר סתם, ס'איז אינטערסאנט צו זען. "קיצור של יוד" און "וואן איוטע" איז די זעלבע נקודה. דאס איז א הלכה, עס דארף זיין בשלימות. זייער גוט. אפילו אויב ס'פעלט איינע פון די אותיות איז עס נישט קיין תורה, ווייל דאס דארף זיין דאס וואס האט אלע פיר פרשיות, מוז זיין בשלימות.

#### דער רמב"ם אויף מזוזה און ספר תורה

**Speaker 2:** דער רמב"ם דרך אגב, דו ווייסט אז די שרייבן פון פיר פרשיות זאגט ער נישט, ער זאגט א גאנצע ספר תורה, אפילו אויב ס'פעלט איין אות. איין מינוט, לאמיר זען, קודם לאמיר זען. קיצור, איך האב אים אויפגעזוכט. די זעלבע הלכה ביי ביידע. **וכן שתי פרשיות מזוזה, שהן "שמע" ו"והיה אם שמוע", אפילו אות אחת משתי הפרשיות, אפילו חצי קוץ**, עס פעלט אפילו איין ווינקל, **אינו תורה עד שישנם לכשיהיו בשלימות.**

דאס הייסט די זעלבע הלכה, אזוי ווי מזוזה דארף זיין געשריבן אן קיין שום חסרון, די זעלבע איז לגבי מזוזה און די זעלבע זאך לגבי א ספר תורה. אה, **וכן ספר תורה שחסר אפילו אות אחת, פסול.** אבער ספר תורה זאגט ער נישט אפילו "קוצו של אות", אינטערסאנט. אפשר א ספר תורה איז א ביסל וויניגער, עס מעג פעלן א קוץ? עס איז דא אפילו מפרשים וואס זענען נישט מסכים. מ'זעט דער כסף משנה מוטשעט זיך, וואס איז דער מקור פונעם רמב"ם אז א ספר תורה וואס עס פעלט איין אות איז פסול? ס'שטייט נישט בפירוש אין גמרא.

#### דיסקוסיע: דער מקור פון פסול ביי ספר תורה שחסר אות אחת

**Speaker 1:** דער רמב"ם האט עס סתם גענומען פונעם גמרא.

**Speaker 2:** יא יא, אבער ס'איז א מדרש, עס איז נישט קיין גמרא אין הלכה. ער ברענגט אז אפשר קען מען לערנען פון דארט, "אפילו ספר תורה חסר אות אחת". אבער פון דארט לערנט מען נאר אז... עס שטייט שוין. פון יענעם מדרש איז משמע אז זיי האבן געהאלטן אז ס'איז א פשוט'ע סברא, עס זאל בלייבן כתיקונה.

**Speaker 1:** אמת. קיינער זענען נישט מחלק אז מען זאל שרייבן אלע אותיות אין די תורה.

**Speaker 2:** די שאלה איז, ס'מאכט זיך די שאלה הלכה למעשה אויך, אויב מען גייט אין שול און מען זעט עס פעלט איין אות, צי מען דארף אויפהערן ליינען די תורה. דער רמב"ם לכאורה זאגט בפירוש אז עס איז פסול. ס'איז דא זיכער מפרשים, אנדערע ראשונים און אחרונים וואס זענען מחלק אינעם רמב"ם. איך דענק, איך האב געזען לעצטנס אז עס איז דא א תשובה פונעם ב"ח, ער האט אויך געטענה'ט אז וויבאלד אונז זענען נישט בקי בחסירות ויתירות, עס איז דא איבער דעם אויך א שאגת אריה. ממילא, איז אויב עס איז געטראפן א יוד וואס עס שטייט חסר ויתר... און ווייל מ'ווייסט נאך עניוועי נישט וואס דער אמת איז, איז ממילא קען מען נישט זאגן אז ס'איז פסול. אזוי ווי דער ב"ח טענה'ט, ס'איז דאך די עיקר אין די גמרא שטייט נאר "אי איכא חדא פסול", משמע אז נישט. סאו, אבער דער רמב"ם האט זיכער געהאלטן אז ס'איז פסול. אבער נישט צו נישט... אבער אפילו דער רמב"ם זעט אויס אז ס'איז דא א חילוק, אז מ'איז נישט אזוי יודע כל. מ'ווייסט נישט.

אקעי, עד כאן איז באופן כללי. יעצט גייען מיר לערנען מער הלכות פון די כתיבה.

### הלכה ג׳ — עשרה דברים בתפילין, כולן הלכה למשה מסיני

**Speaker 2:** יא. זאגט דער רמב"ם, יא? דאס איז שוין אויף תפילין ספעציפיש. יא, אבער באלד וועלן מיר זען אז ס'איז דא זאכן וואס זענען אויך אויף ספרי תורה. **"עשרה דברים יש בתפילין"**, אזוי ווי מיר האבן געליינט א פאר הלכות צוריק, האט ער געמאכט א נומער, אזויפיל אזויפיל הלכות איז וויכטיג צו גדעדנקען, צען הלכות איז דא ביי תפילין. **"כולן הלכה למשה מסיני".** איך מיין אז די לשון "עשרה" שטייט אין די גמרא, אדער דער רמב"ם האט געמאכט די ליסט?

**Speaker 1:** ס'שטייט נישט, ער האט עס אליינס געמאכט.

**Speaker 2:** אקעי. **"כולן הלכה למשה מסיני, וכולן מעכבין, ואם שינה באחת מהן הרי התפילין פסולות."** אויב האט מען געמאכט אנדערש מיט איינע פון די צען זאכן.

#### וואס מיינט "הלכה למשה מסיני" ביי תפילין

**Speaker 2:** יא, און סאו מיר זעען אז ביי תפילין איז דא זאכן וואס זענען הלכה למשה מסיני. און די ריזען איז לכאורה, ווייל אזוויי דער רמב"ם האט מסביר געווען אין זיין הקדמה, הלכה למשה מסיני מיינט נישט אז ס'איז נישט דא קיין ראיה, ס'מיינט אז ס'איז א זאך וואס שטייט נישט געשריבן, ס'איז נאר א זאך וואס מ'האט געזען. און ס'איז מסתבר אז תפילין איז א זאך וואס איז געווען, מ'האט געזען אז מ'דארף עס אזוי טון, און ממילא די חכמים האבן געזאגט וועלכע חלקים פון וואס ס'איז געווען דארף מען ווייטער נאכמאכן אזוי, אבער ס'איז נישט קיין זאך וואס מ'דארף שרייבן.

ווייל אזוויי ס'שטייט נישט אין די משנה כמעט וועגן הלכות תפילין, ס'שטייט נאר ממש צוויי דריי הלכות, ווייל תפילין, מ'גייט אין בית המדרש, מ'זעט תפילין, סאו דארף מען זאגן הלכה למשה מסיני, אז מ'ווייסט אז דאס איז פון משה רבינו, מ'איז געגאנגען מיט אזעלכע תפילין, סאו דארף מען מאכן אזוי.

#### דיגרעסיע: פארגלייך מיט אתרוג

**Speaker 2:** למשל, אתרוג, הלכות פון אתרוג קען מען ארויסלערנען פון פסוק, ווייל אויך אתרוג, "הדר" איז דער רמב"ם מסביר, ס'איז א זאך וואס קומט פון פארן, מ'גייט עס ברענגען, סאו דארף מען עס ארויסלערנען פון די פסוקים. אבער די עצם אז ס'איז אן אתרוג, זאגט היינט דער רמב"ם אז ס'איז הלכה למשה מסיני. ס'איז גראדע יא דא א דרשה אויף דעם, אבער אויך איז דאס וויניג, ס'איז איינמאל א יאר, און ס'איז מער. אבער תפילין לייגט מען יעדן טאג. סאו וואס זענען די צען דברים, די צען הלכות?

#### צוויי פון די צען: דיו און קלף

**Speaker 2:** ער גייט נישט זאגן אלע צען. **שניים שבעיקר כתיבתן.** צוויי פון זיי איז נוגע כתיבה, מיר רעדן דא די פרק, די פרק איז וועגן כתיבה, כתיבה פון די פרשיות, און אויך בכתיבה וברצועה דעקן מיט עור, אזוויי מיר האבן פריער געזאגט, מיר דעקן עס איבער מיט עור, כתיבה איז די רצועות זאל מען צובונדן די רצועה של עור. האט אכט הלכות. זאגט דער רמב"ם, **והרי הן השניים שבעיקר כתיבתן**, דאס זענען די צוויי הלכות וואס איז נוגע ביים שרייבן די תפילין. איינס, **שכל כתבן אינו נכתב אלא בדיו**, מ'דארף עס דוקא שרייבן מיט א דיו און נישט מיט אן אנדערע מין וועג פון שרייבן. און די צווייטע, **שיהיו כל הכתובים על הקלף**, זיי זאלן זיין געשריבן אויף פארמעט און נישט אויף אן אנדערע... זאגט דער רמב"ם, איך גיי דיר מסביר זיין יעצט אין די נעקסטע פאר הלכות וואס די טייטש דיו און וואס די טייטש קלף.

### הלכה ד׳ — כיצד מעשה הדיו

**Speaker 2:** יא? ער זאגט דא, ס'איז זייער אינטערעסאנט. דא איז שוין טעכניקל זאכן וואס איך בין נישט גענוג א בקי צו וויסן פונקטליך וואס ער מיינט, מיר וועלן זאגן וואס ס'שטייט, און אויב דער מנהג איז אנדערש זאל מען טון ווייטער וואס דער מנהג איז, איך וויים נישט. **כיצד מעשה הדיו?** וואס איז די פשט? לכאורה די שכל, אויב מ'וויל רעדן די שכל פון דעם, די שכל פון די אלע זאכן איז פשוט אז מ'זאל זיין גוט געשריבן. ס'איז א שיינע דיו. וואס הייסט דיו? אונז זאגן דיו מיינט טינט, אבער דו זעסט אז דיו מיינט אריגינעל א געוויסע סארט זאך, ס'שרייבט זיך בעסער, ס'איז מער קלאר, אדער וואטעוועער. מ'דארף אז ס'זאל זיין געשריבן בעסער, דאס איז לכאורה די ריזענינג דערפון. ס'איז אבער אזא קלף, אמאל פלעגט מען שרייבן נאך אויף פאפירוס, פאפירוס האלט זיך וויניגער ווי קלף, ס'איז אזא, יא, ס'איז אזא גרויל.

#### דיסקוסיע: צי האט זיך דיו און קלף אנטוויקלט במשך די יארן?

**Speaker 2:** זאגט ער, ס'שטייט מיר פאר אז די קלף און די דיו האט זיך אנטוויקלט במשך די יארן. ס'איז אינטערעסאנט, די גמרא שטעלט אראפ די בעסטע מעטאד פון שרייבן וואס איז דא אין א געוויסע צייט, אין זיין צייט, אדער אפשר די גמרא פון יענע הלכה איז שוין פאר אפאר הונדערט יאר פאר אים.

**Speaker 1:** פארוואס נישט משה רבינו? פארוואס נישט זאגן קיין קלף? ניין, ס'שטייט נישט אין די תורה שטייט אמאל געשריבן וועגן דיווארט דיו אדער קלף?

**Speaker 2:** ניין, און צווייטנס, פארדעם זאגט מען אז ס'איז הלכה למשה מסיני.

**Speaker 1:** רייט, מ'זאגט הלכה למשה מסיני, מ'דארף עס טון אזוי. ס'איז געווען אלעמאל געווען פארשידענע סארטן לעוועלס פון סיריעס שרייבן. ער זאגט, זפת ושעוה אדער וואטעווער, דאס זענען זאכן וואס אין געוויסע געגנטער וואקסט די מיני מאטריאלן, און אין א געוויסע צייט האט

מען עס אנגעהויבן פארמירן וכדומה. אבער דאס איז די הלכה אלעמאל געווען. זאלסט טון דווקא מיט די מאטריאל.

**Speaker 2:** יא, די שאלה איז דא א שאלה. לאמיר לערנען, לאמיר זען וואס דער רמב"ם זאגט. ווייל דו זעסט אז דא איז דא מער א דיטעיל וואס מ'דארף פארשטיין.

#### דער רעצעפט פון דיו

**Speaker 2:** יא, זאגט דער רמב"ם, יא, **כיצד מעשיה הדיו? מקבצין העשן של שמנים או של זפת ושעוה.** עשן, וואס קומט ווען ס'ברענט א פייער, פון שמנים או של זפת ושעוה, לאזט עס ארויס א שטארקע סארט אש, א שווארצקייט. אבער די שווארצקייט אליין איז חרוך, מ'קען עס נישט נאכנישט קיין טינט.

מ'מישט עס, **וגובלין אותו**, מ'קנעט עס, **בשרף האילן**, מיט עפעס א סירופ וואס קומט פון די בוים, **ומהדבש. ולוחצין אותו ועושין הרבה.** וואס מיינט לוחצין אותו? מ'קנעט עס.

**Speaker 1:** לוחצין איז אזוויו מ'האט געזען אין הלכות פסח? ס'מיינט אז מ'לייגט הייסע וואסער דערויף? עפעס אזוי?

**Speaker 2:** ניין, חליטה איז יענץ, ניין.

**Speaker 1:** אה, לוחצין. יא, לולתא חטין. אה, ס'מיינט מ'לייגט וואסער, עפעס אזוי. מ'מאכט עס נאס.

**Speaker 2:** עפעס אזא טייג?

**Speaker 1:** מ'מאכט עס נאס.

**Speaker 2:** עפעס אזא לשון לוחצין געדענק איך פון הלכות פסח.

**Speaker 1:** יא, דו ביסט גערעכט, דו האסט געזאגט אז חליטה.

**Speaker 2:** לוחצין אותו, יא, מ'ווייקט עס אין וואסער.

**Speaker 1:** מ'לייגט וואסער, עפעס אזא זאך.

**Speaker 2:** מ'ווייקט עס. **ודכין אותו**, נאכדעם צעמאלט מען עס, **עד שיהיה עשוי כעיגולין.** מ'מאכט פון דעם אזעלכע קרעקערס אזוויו, אזעלכע קליינע שטיקלעך. **ומייבשין אותו**, מ'פארטרוקנט עס, **ומצניעין אותו**, מ'לייגט עס אוועק. און ווען מ'דארף עס, ניצט מען עס פאר צו שרייבן מיט דעם.

זאגט דער רמב"ם ווייטער, **ובשעת כתיבה**, ווען מ'נעמט עס ארויס און מ'וויל שרייבן מיט דעם, לייגט מען עס אביסל איינווייקן **אין מי עפצים וכיוצא בו.**

#### דיסקוסיע: וואס איז עפצים?

**Speaker 1:** וואס איז עפצים, ווייסטו?

**Speaker 2:** איך ווייס נישט.

**Speaker 1:** ס'איז ענגליש, וויאזוי זאגט מען עפצים? וואס איז די טייטש?

**Speaker 2:** ס'איז א מין בלום אדער א מין פרי.

**Speaker 1:** און ס'העלפט זייער שטארק, ס'מאכט די דיו גוט. איך מיין אז ס'מאכט די דיו גוט, דאס קענסטו זען, יא.

**Speaker 2:** וואס קען איך זען? איך שטעל זיך פאר אז דער רמב"ם זאגט אז ס'איז א מין בלום אדער...

**Speaker 1:** פארוואס נישט? ס'איז דאך שווארץ, ס'ווערט הארט, ער מאכט א הארטע.

#### פארוואס מי עפצים? — אז מ'זאל קענען אויסמעקן

**Speaker 2:** ער זאגט פארוואס ס'איז אזוי וויכטיג די מי עפצים וכיוצא בו, **שאם תרצה למחוק, ימחק.** די מי עפצים העלפט אז אויב דארף מען עפעס אויסמעקן, זאל מען עס קענען אויסמעקן. עס מאכט די דיו וויניגער permanent. אקעי.

זאגט דער רמב"ם, **"וזהו הדיו שמצוה מן המובחר לכתוב בו ספרים תפילין ומזוזות".** דאס איז די בעסטע דיו. **"ואם כתב שלשתן"** - אויב האט ער געשריבן...

**Speaker 1:** ער זאגט אז א פוצם איז א פירה. עפעס א מי פירות kind of thing, I don't know. אקעי. גידולי הארץ, גידולי הארץ וואס וואקסן פון דער ערד. עפעס וואס וואקסן. א weed וואס וואקסט אויף... אקעי.

#### בדיעבד: מי עפצים וקלקנתוס — כשר

**Speaker 2:** אקעי, דאס איז די דיו וואס איז מצוה מן המובחר צו שרייבן ספרים תפילין ומזוזות. **"ואם כתב"** - אויב האט ער געשריבן איינע פון די דריי, ספרים תפילין ומזוזות, נישט מיט די דיו פון אש, נאר ער האט גענוצט **מי עפצים מיט קלקנתוס**... יא, אן אנדערע סארט טינט. מי עפצים, דאס וואס מ'האט יעצט געלערנט, וואס מ'מישט עס אריין מיט די דיו. אבער יעצט לערנט מען אז מ'קען שרייבן מיט יענץ אליינס. **"שהוא עומד ואינו נמחק"** - אה, ס'איז אנדערש. דאס הייסט, די דיו איז מער נמחק. ס'איז מער לכתחילה ווייל מ'קען עס אויסמעקן. און ער זאגט אז מ'זעט אז ביי א סוטה שטייט "ומחה", ס'איז א זאך וואס מעקט זיך אויס. איז נעמט מען פון דעם אז ס'איז מער לכתחילה ווייל ס'מעקט זיך. אזוי איז די ריכטיגע טינט. אפשר יענץ ווייל מען עס מעקן, איז איינגעפאלן. ס'איז דא עפעס א שכל אין דעם. אקעי.

אויב האט מען עס געמאכט מיט מי עפצים וקלקנתוס, וואס מ'קען עס נישט אויסמעקן, איז עס אויך כשר. זייער גוט.

#### חידוש: "דיו" מיינט א ברייטערע דעפיניציע

**Speaker 1:** אה, זייער גוט. דא איז דער תירוץ פאר דיין שאלה וואס דו האסט געפרעגט צו דיו מיינט פונקט עפעס א געוויסע טעכנאלאגיע וואס איז געווען. זעט אויס פון דער רמב"ם, איך ווייס נישט וויאזוי דער רמב"ם האט פארשטאנען, אבער ס'זעט אויס פון דער רמב"ם פון די הלכה, אפילו פון בדיעבד, אז דיו איז טייטש א שטארקע גוטע טינט. די דיו וואס איז לכתחילה, אפשר איז דאס געווען ביי משה, אדער אפשר וואס איז די בעסטע, איז די וואס מ'האט יעצט געגעבן די recipe. אבער בדיעבד, anything איז גוט, ווי לאנג ס'איז "כתב שחור המתקיים".

ס'איז הלכה למשה מסיני אז ספר תורה זאל זיין געשריבן מיט זייער גוטע טינט, whatever זייער גוטע טינט מיינט. יא, איר טעכניקלי ברענגט דא די רמב"ם. איך ברענג דא די רמב"ם, וויאזוי חז"ל האבן אויסגעמשל'ט די בעסטע טינט. ס'איז נישט נאר א משל. וויאזוי חז"ל האבן עס אויסגעמשל'ט האבן זיי אויך נישט געהאלטן אז דאס האט משה רבינו גענוצט. זיי האבן געהאלטן אז משה רבינו האט גענוצט די ווייסע משחה אהילה. איך ווייס נישט. אבער זיי זענען געווען זיכער אז משה רבינו האט זיכער גענוצט...

### הלכות תפילין ומזוזה וספר תורה — פרק א': דיו און עורות

#### הלכה ד': דיו — די הלכה למשה מסיני

#### דער רמב"ם'ס רעצעפט פאר דיו

ס'איז הלכה למשה מסיני אז א ספר תורה זאל זיין געשריבן מיט זייער גוטע טינט. וואטעווער זייער גוטע טינט ווערט גערופן. יא, טעכניקלי מיינט עס א געוויסע ספעציפישע זאך. ברענגט דא דער רמב"ם וואס חז"ל האבן אויסגעמשל'ט די בעסטע טינט. ס'איז נישט נאר א משל.

זיי האבן געהאלטן אז דאס איז וואס משה רבינו האט גענוצט. זיי האבן געטיילט אז משה רבינו האט גענוצט די וואסער פון ארץ ישראל. זיי זענען געווען זיכער אז משה רבינו האט זיכער געניג מחשיב געווען די תורה אז ער האט גענומען די בעסטע טינט וואס ער האט געהאט.

זייער אינטערעסאנט. ס'איז אינטערעסאנט אז ס'איז נישט מעכב, אבער יא, די טייטש פון דיווארט דיו, אז ווען ס'שטייט אין די גמרא דיו, מיינט עס די רעצעפט וואס דער רמב"ם ברענגט. דיו איז נישט סתם א שווארצע זאך. אבער די הלכה איז נישט, זיי האבן געהאט א קלער אריין פון די תורה אז די

אריגינעלע ספר תורה דארף זיך אויסמעקן אין וואסער, פון די מעשה פון סוטה. האבן זיי געזוכט ווי קען זיין א גוטע דיו וואס מ'קען אויך אויסמעקן. האבן זיי געהאלטן אז דאס איז די... ס'איז מסתמא דאס איז געווען די מנהג טאקע.

אבער וואס ער זאגט, סך הכל דער רמב"ם לייגט צו אז די גדר הלכה איז נישט אויף די פיזישע שטיקל דיו, די גדר איז אז ס'זאל זיין א דבר המתקיים, א גוטע טינט. סאו איך מיין אז היינט די סופרים נוצן נישט דער רמב"ם'ס רעצעפי.

**דער רמב"ם'ס קשיא: וואס איז די הלכה למשה מסיני?**

פרעגט דער רמב"ם, אם כן, אקעי, קוק, אין די לעצטע שטיקל זאגט ער עס אויך מער קלאר. **אם כן, מה היא אותה הלכה שנאמר בה שהיא כותבין בדיו?** איינמאל דו זאגסט אז איך זאג דיר הלכה למשה מסיני איז דיו, און דאס טייטש דיו, אבער אין די מינוט וואס איך זאג דיר אז ס'איז לאו דווקא, סאו וואס איז יא די הלכה למשה מסיני? אז מ'זאל שרייבן גוט? די גאנצע תורה זאל מען טון גוט, איך מיין. אה, זה קל וחומר, מ'זאל אלעס טון אין סדר, על פי די מצוות.

זאגט ער, **אלא שהם יהיו בצבעונים**, אז ס'זאל זיין שווארץ. סאו דיו טייטש שווארץ, בעיסיקלי. **כגון אודם ואודם יוצא בהם, שאם כתב בספרים או בתפילין או במזוזות אפילו אות אחת בצבע אחר, או בזהב**, אן אנדערע מעטאל, **הרי אלו פסולים**. סאו בעיסיקלי, ווען ס'שטייט הלכה למשה מסיני אז ס'דארף זיין דיו, מיינט מען צו זאגן הלכה למשה מסיני אז ס'דארף זיין א שווארצע פארב.

זייער גוט. אזוי לערנט דער רמב"ם, אזוי ווי ס'שטייט אין די גמרא, ווי ער האט גענומען דעם גאנצן שטיקל, אזוי פארשטייט ער. אקעי. ס'איז נישט אזוי קלאר, דער רמב"ם האט אזוי געלערנט. ס'איז נישט קיין מפורש'ע זאכן. אקעי.

**קשיא: פארוואס האבן חז"ל נישט געזאגט "שחור"?**

ס'איז זייער אינטערעסאנט, ווייל די פשוט'ע קשיא אויף דעם איז, דאס איז די הלכה למשה מסיני אז ס'איז שחור, זיי האבן געוואוסט אזוי צו זאגן שווארץ. ניין, דיו, אבער ס'קען זיין, ס'איז א גוטע קוואליטי, אויב אזוי ווילן מיר א גוטע קוואליטי. ניין, אבער מיר ווילן גוטע קוואליטי פאר דיו. ס'איז אזוויי דו ביסט געגאנגען אין געשעפט, מ'האט געוואלט קויפן א שווארצן, האט מען געזאגט יא. מ'האט געוואלט קויפן א גרינעם, האט מען געזאגט אדום, איך ווייס נישט, וואטעווער. דאס הייסט, מיר דארפן וויסן צו די ווארט מיינט פונקט די חומר וואס איז געווען, אדער די איידיע. דער רמב"ם זאגט אזוי, ער האט פון דעם ראיות פון די גמרא וכדומה, ס'איז נישט פשוט מורא'דיג קלאר.

**הלכה למעשה: היינטיגע סופרים**

וואס דו הייסט תשובות נעמען? איך געדענק איז די היינטיגע סופרים על פי רוב שרייבן נישט מיט די רמב"ם'ס רעסיפי, און נישט נאר, אויב איך געדענק אין די פוסקים שטייט אז מ'פירט זיך נישט צו מאכן פונקט די אמאל'יגע רעסיפי, מ'פירט זיך בעיקר אזוויי די רמב"ם'ס אויספיר אז א גוטע שטאט יא איז דאס די עיקר. אבער נישט זיכער. דער רמב"ם האט אן אריכות וועגן וויאזוי פונקטליך מ'זאל מאכן די דיו. א תשובה. אקעי, איך זע נישט דא דער רמב"ם וואס זאגט די הלכה למעשה, איך ווייס נישט ווי ס'איז געגאנגען.

**הלכה ו'-ז': שלשה עורות — גויל, קלף, דוכסוסטוס**

**דער פראצעס פון מאכן גויל**

אקעי, ווייטער. יעצט גייען מיר לערנען די הלכות פון די פרגמענט אויף וואס מ'שרייבט, די עור. זאגט דער רמב"ם, **שלשה עורות הן**. מיר האבן געלערנט פריער אז ס'דארף זיין אלע קלף, קודם דארפן מיר וויסן וואס איז די טייטש קלף. זאגט דער רמב"ם אזוי, ס'איז דא דריי מיני עורות אויף וואס מ'שרייבט. דער רמב"ם גייט מסביר זיין, ס'איז דא דריי פארטס, ס'איז נישט דא דריי עורות, ס'איז דא אסאך מיני עורות. ער גייט זאגן דריי פארטס, דריי מיני עורות וואס מ'שרייבט. א רעגולער בהמה האט די דריי סארט עורות.

ער גייט זאגן וויאזוי ס'גייט. גוויל, עפעס וואס מ'רופט גוויל. ס'קען זיין אזוויי אין די גמרא זאגט מען גוויל אליבא דמאן דאמר, וואטעווער, וגוויל אליבא דריש לקיש, וקלף ודוכסוסטוס. דריי, אזוי הייסן זיי.

דער רמב"ם איז מסביר, **כיצד? מ'שינדט אפ די עור פון א בהמה אדער פון א חיה, און מ'רייסט אראפ אלע האר, מ'איז מעביר השער**, יא, מ'מאכט חלק, איך מיין אזוי הייסט עס, מ'נעמט אראפ די שער. **ואחר כך מולחין אותו במלח**, נאכדעם לייגט מען עס, זאלצט מען עס. **ואחר כך מעבדין אותו בקמח**, נאכדעם ארבעט מען עס אויס מיט קמח. די אלע זאכן מאכט בעסער די הויט. **ואחר כך בעפצא**, נוצט מען נאך מלח און קמח נוצט מען עפצא. אינטערעסאנט אז מען נוצט עפצא אין דיו און אין די הויט. ס'איז עפצא בעפצא. יא, ס'איז דא אסאך עפצא. איך ווייס נישט וואס די עפצא איז, אבער whatever דאס איז, איז עס אבער עפצא בעפצא. **וכיוצא בהן מדברים שמכווצין את העור ומחזקין אותו**, זייער אינטערעסאנט. עור איז גאנץ אויסגעשפרייט, און מ'וויל מאכן אז ס'זאל זיין טייט, מ'נעמט עס צוזאם, אז ס'זאל זיין מכווץ, אז ס'זאל זיין שטארק, ומחזקין אותו, **זהו הנקרא גויל**.

**דער פראצעס פון שניידן צו קלף און דוכסוסטוס**

די גאנצע שטיק עור, די עור ווען ס'איז נאך די גאנצע טעפ, נאכ'ן ווערן גוט אויסגעארבעט אבער נאך גארנישט צעשניטן, אויסארבעטן מוז מען, דאס מוז מען קענען. ווען ס'איז אויסגעארבעט הייסט עס גויל. און דערנאך טוט מען די פראצעס פון שניידן די עור און מאכן דינערע שיכטן. וויאזוי טוט מען עס? **ואם לקחו עור אחר שעבדוהו וחלקו אותו לשנים**, מען שניידט עס אין די דיקקייט, דאס הייסט מ'שניידט אינמיטן פון די הויט, **כמו שהעבדנין עושין**, אזוויי די מענטשן וואס ארבעטן מיט הויט טוען. וואס טוען זיי סאמטיימס? ער מיינט אזוויי כמו שהעבדנין, אז דו ווילסט וויסן די טעכניק וויאזוי צו שניידן, ס'איז דאך א דינע זאך, וויאזוי צו שניידן עס אין די ברייט, אזוויי אינצווישן, מוז מען פרעגן פון די עבדנין וויאזוי צו טון עס. איך האב דאך נישט געשניטן א שטיקל אין די דיקקייט פון די הויט, ס'איז דאך א קאמפליצירטע זאך, מוז מען פרעגן פון די עבדנין וויאזוי ס'צו טון, **עד שיעשו שני עורות**.

וואס געשעט דעמאלטס איז אז די הויט ווערט צוטיילט אין האלב, איז דא א דינערע שיכט, דאס איז מול השער, די דרויסנדיגע פארט, דרויסן פון די בהמה, **ואחד עב ורע שהוא מול הבשר**, דאס איז פון אינעווייניג פון די בהמה, דארטן וואו ס'דארף טאטשן די בשר. און מ'ארבעט עס גוט, אזוי ווי מ'ארבעט עס אויס מיט מלח, ואחר כך בקמח, ואחר כך בעפצא, נאכאמאל די זעלבע זאך, מ'נוצט די זעלבע דריי מאטריאלן אויסצוארבעטן. איז אזוי, יעצט האסטו געמאכט פון גויל, דער טאטע גויל האט יעצט געהאט צוויי בעיביס, קלף און דוכסוסטוס. **החלק שהוא מול השער**, די חלק פון די עור דער לעדער וואס איז לעבן די הויט, דער דרויסנדיגער פארט ווערט אנגערופן די חיצוניות, **וזה שלמעלה מן הבשר נקרא קלף**.

**הלכה ח': אויף וועלכע עור שרייבט מען וואס**

***די הלכה למשה מסיני***

און די הלכה למשה מסיני איז אזוי, אז וואס? הלכה למשה מסיני, די נעקסטע הלכה איז **שיהו כותבין ספר תורה על הגויל**.

יעצט וואס טוט מען מיט די אלע חלוקים? זאגט ער, די מנהג איז, די הלכה איז, אויף גויל. וואס טייטש גויל? די גאנצע הויט ווען ס'האט נאך אלע חלוקים, די גאנצע דיקקייט נאך איידער מ'האט עס צושניטן, דאס הייסט גויל. איז די הלכה למשה מסיני אז די ספר תורה זאל מען שרייבן אויף א דיקערע הויט וואס האט נאך די ביידע חלוקים, אויף גויל. און אויף וועלכע זייט פון די גויל? די גויל האט דאך די צוויי חלוקים. זאגט ער, טוט מען דאס במקום דארט וואו ס'גייט שפעטער ווערן גערופן די חיצוניות, **כותבין במקום השער**. מ'שרייבט אויף די זייט פון די שער.

די זעלבע הלכה למשה מסיני זאגט אויך אז תפילין דארף מען נישט שרייבן אויף אזא דיקע הויט וואס הייסט נאך גויל, נאר מ'קען עס שוין שניידן אויף

די הויט נאכדעם וואס מ'האט עס צושניטן, אויף קלף. מ'זאל שרייבן תפילין אויף קלף. תפילין שרייבט מען אויף די קלף. וואס איז די טייטש קלף? דאס איז די אינעווייניגסטע חלק, און מ'שרייבט עס פון אינעווייניג. **כותבין במקום הבשר**, די אינעווייניגסטע חלק. די זעלבע זאך, מ'נוצט די הלכה אז מ'זאל נוצן די אנדערע חלק פון די גויל, נישט די חלק וואס מ'נוצט פאר תפילין. מ'נוצט די חיצוניות, און יעצט שרייבט מען **כותבין במקום השער**, די דרויסנדיגע פארט. פון אינעווייניג שרייבט מען קיינמאל נישט. מ'שרייבט אדער פון די אוטסייד אדער פון די אינסייד. יעדער חלק, אויב ס'איז די גאנצע, שרייבט מען אויף וועלכע זייט? אויף די אוטסייד. אויב ס'איז די ביידע, דאן די אינסייד שרייבט מען אויף די אינסייד.

#### דינים פון שרייבן אויף די פארקערטע זייט

ס'איז זייער אינטערעסאנט. **כל הכותב בקלף במקום שער**, איינער וואס נוצט קלף, און מ'דארף שרייבן אויף די אינעווייניגסטע פלאץ, און ער שרייבט אויף די שער זייט, איז פסול. **או שכתב בגויל במקום הבשר**, איז פסול, ווייל ער האט עס נישט געשריבן אויף די ריכטיגע זייט.

#### א פארקערטע לאגיק: פארוואס ספר תורה אויף גויל?

ס'איז אינטערעסאנט, ספר תורה דארף מען האבן א גויל מיט עור. דעמאלטס וואלט מען דאך געקענט פארשטיין אז ספר תורה זאל מען אפשר קענען נוצן ווייניגער, די צושניטענע. אויב דו ווילסט שפארן, ס'איז א גרויסע שפארעריי ווען דו זאגסט אז פאר ספר תורה איז גענוג א דינערע הויט. אבער דא טוט מען פונקט פארקערט. ספר תורה וואלט מען געוואלט האבן אזא העווי גרויסע ספר תורה מיט זייער דיקע פארמעט, און קלף און מזוזות איז גענוג דינערע. אבער עס מאכט אן אפסטעידזש, עס דארף די חורבן פון די מזוזה'לעך, חורבן פון די הויט. עס קען אפשר זיין אז א ספר תורה איז גענוג איין ספר תורה פאר אפאר טויזנט אידן, א גרויסע בית המדרש. אקעי, הגם עס איז דא א מצוה אז יעדער איינער זאל שרייבן א ספר תורה, אבער תפילין איז אסאך מער וואס יעדער איינער דארף אנטון יעדן טאג.

#### הלכה ט': בדיעבד — ספר תורה אויף קלף

#### דער רמב"ם'ס פסק

אקעי, איז לאמיר ארויספירן. די הלכה למשה מסיני, וואס מיר ווייסן נישט פונקטליך וואס די ענין איז. די ענין איז נישט אז דאס איז געווען די בעסטע סדר וויאזוי עס צו מאכן. דו ביסט נישט קיין מבין אויף קלף, איך פרעג די סופר. דו גלייבסט באמונה שלימה אז דו זעסט הונדערט פראצענט? מיר וועלן רעדן וועגן דעם הלכה למעשה אין א סעקונדע. לאמיר אויספירן וואס די רמב"ם זאגט.

די רמב"ם פסק'נט דאך הלכה למשה מסיני. ער זאגט אז די סדר, א ספר תורה, אויב דו האסט די דריי מיני הויט, און דו שרייבסט די דריי מיני סת"ם אויף די אנדערע דריי פון זיי, דאס איז די הלכה למשה מסיני. אבער אויב מ'האט נישט געטון אזוי, נאר **כתב ספר תורה על הקלף**, מ'האט געשריבן א ספר תורה אויף די דינערע, אויף די קלף אליין, יא, איז **כשר. ולא נאה.** אבער אויף וואס קען מען נישט שרייבן? מ'קען נישט שרייבן קיין ספר תורה אויף קיין דוכסוסטוס. **ולא נתן גויל אלא למטה מן הדוכסוסטוס.** מ'האט געגעבן גויל, מ'האט געוואלט געדענקען אז דוכסוסטוס נישט. **אם כתב עליו ספר פסלה.** אויף דוכסוסטוס קען מען נישט שרייבן קיין ספר תורה. דאס איז די סייד, אין אנדערע ווערטער.

**וכן אם כתב מזוזה על הקלף או על הגויל.** מזוזה בכלל קען מען שרייבן אויף וועלכע צד מ'וויל. דאס וואס מיר האבן געלערנט אז א מזוזה דארף מען מאכן אויף א דוכסוסטוס, און יא, דאס איז **ולא נתן הדוכסוסטוס אלא למזוזה.** ס'איז א מצוה צו שרייבן. וואס איז מיט תפילין? זאגט ער נישט. ווען דו האסט געלערנט אז דוכסוסטוס איז פסול, האסטו געטראכט אפשר אז דוכסוסטוס איז נישט די זעלבע מאטעריאל, איז אפשר א שוואכערע מאטעריאל. אבער דו זעסט אז מזוזה איז דוקא אויף דוכסוסטוס. ס'איז נישט קוואליטי, ס'איז נישט אז ס'איז שוואכער. ס'איז א פייכאנס, אז מ'דארף טוישן די צד. ווי איך האב דיר געזאגט, דאס גייט אינסייד, דאס גייט אוטסייד. ס'איז דא א ריזן פארוואס יעדע איינס.

#### הלכה למעשה: עיבוד בזמן הזה

יעצט דארפן מיר ווייסן, הלכה למעשה איז קודם כל די רמב"ם זאגט אז אלע קלף, די אלע סארטן, דארפן זיין מעובד במי אפצים וכדומה. אבער הלכה למעשה פירט מען זיך נישט אזוי. און מ'מאכט עיבוד, אבער וואטעוועער די מנהג עיבוד איז בזמן הזה. רבי אברהם נח ברענגט אז דער רמב"ם האט שוין געפרעגט דעם רמב"ם אליין, ער זאגט אז קיינער ווייסט נישט ווי צו מאכן די...

## הלכות תפילין ומזוזה וספר תורה – פרק א' (המשך): קלף בזמן הזה, עור בהמה טהורה, ועיבוד לשמה

#### הלכה ג' (המשך) – קלף בזמן הזה: למעשה פירט מען זיך אנדערש

אבער הלכה למעשה פירט מען זיך נישט אזוי. דאס הייסט, אונז מאכן עיבוד, אבער וואטעוועער דער מנהג'דיגער עיבוד איז בזמן הזה.

#### רבינו מנוח: דער רמב"ם'ס תשובה וועגן עיבוד במי עפצים

רבינו מנוח ברענגט אז דער רמב"ם האט שוין געפרעגט דעם רמב"ם אליין, ער זאגט אז קיינער ווייסט נישט וויאזוי צו מאכן די קלף אויף די צדדים וואס די גמרא איז לכאורה מעכב, ווייל קלף מיינט, פארט פון די דעפיניציע פון די אלע זאכן איז אז זיי זאלן זיין מעובד במי עפצים. אזוי איז משמע אין די גמרא. אבער אונז ווייסן נישט וויאזוי צו מאכן די עיבוד במי עפצים. אפשר סתם היינט איז דא א חכם וואס ווייסט שוין יא.

זאגט דער רמב"ם, אזוי זאל מען טון, ער זאל נישט שרייבן קיין ספר תורה וועגן דעם. דאס איז מחמת ספר תורה. דער רמב"ם ברענגט א תשובה פון אשכול, לדעתי שטייט דארט אויך אז רבינו תם זאגט אזא זאך, אז ער איז נישט מעכב די עפצים. ער האט שוין געהאלטן אז די הלכה דארף זיין מעכב, אבער נישט למעשה.

#### די פראקטיק בזמן הזה: מ'שרייבט אלעס אויף דער זעלבער קלף

די זעלבע זאך, דער גאנצער חילוק פון קלף און גויל, ווייטער, אונז פירן זיך בכלל נישט אזוי. אונז שרייבן, ווער ס'קוקט אין זיין תפילין און ספר תורה, אלעס שרייבן מיר אויף די זעלבע. און צווייטנס, אונז שניידן בכלל נישט די קלף בכלל.

וואס אונז טוען איז, די נארמאלע קלף וואס מ'קויפט אין די געשעפט איז אביסל אפגעריבן, ס'איז נישט די גאנצע דיקקייט פון דעם. און אויף וועלכע זייט שרייבט מען? מ'שרייבט פון די... וויאזוי הייסט עס... פון וועלכע זייט שרייבן אונז? אונז שרייבן ממקום הבשר, מיין איך.

בקיצור, ס'איז דא אסאך נוסחאות וואס מ'האט אין די קלף, און נישט דווקא אין די גמרא, נאר אפילו אין די רמב"ם זענען דא פארשידענע נוסחאות. ס'איז דא געוויסע נוסחאות וואס זענען מעורר אז לויט די פשוט'ע פשט פון די הלכה קומט אויס אז אונזערע קלף איז נישט ריכטיג.

#### די פוסקים'ס תירוץ: אונזער קלף איז מער נאנט צו קלף ווי צו דוכסוסטוס

אבער די פוסקים האבן שוין געזאגט אז אונזער קלף איז מער נאנט צו די קלף פון דא ווי די דוך, און די דוך איז געשטאנען קלאר אז ס'איז נאר לכתחילה אז ס'זאל זיין שחור.

וואס הייסט עס מער נאנט? יא, אבער אונזער קלף איז פון אור. ס'איז פון אור, אבער ס'איז נישט געמאכט די זעלבע וועג. אונז שניידן נישט די אור אויף צוויי, און נאך, אונז שניידן אפ א גאנצע... אונז מאכן עס דינער ווי די... א בהמה איז זייער דיק, און זיי מאכן עס זייער דין דערפון. זיי שניידן אפ די גראבקייט דערפון, און איך ווייס נישט פונקטליך וואס מ'טוט. ווען מ'מאכט א קליינע... אונז רופן עס קלף פאר סאם ריזן.

#### פאראלייך צו דיו: דער עיקר איז שיין און גוט

על כל פנים, לכאורה דער פריערדיגער תירוץ אזוי ווי ער ברענגט דורך אז די הלכה איז דא אז די עיקר איז אז ס'זאל זיין שיין, ס'זאל זיין גוט און שיין,

און זיי ווילן נישט קיין פראבלעם. די אלע הלכות איז אזוי ווי דער רמב"ם האט געלערנט אויף דיו. טאקע, הלכה למשה מסיני מיינט אז דאס איז די בעסטע, אבער... ניין, אבער ביי דיו האט ער אונז געזאגט מער, האט ער אונז געזאגט אז די עיקר ווארט איז אז ס'זאל זיין דיו שחור. דא זאגט ער אונז, ער זאגט נישט אז ס'זאל זיין די בעסטע מין פעיפער וואס איז דא.

אמת, אמת. ס'איז אסאך מער דעטאלט. און אויך קענסטו נישט זאגן אז די תורה האט נאר געוואלט אז ס'זאל זיין די בעסטע, ווייל דווקא די דוכסוסטוס און דווקא די גויל און דווקא די קלף.

איך ווייס אז דער רמב"ם זאגט, ס'איז נישט קלאר מפרש אין די גמרא, נאר ער האט געלערנט אז די צד השער איז נישט די ריכטיגע זייט צו שרייבן, און איינפאך וואס מ'זעט אז ס'איז א מצוה צו שרייבן אזוי. אפשר ווייל מ'זעט אז ס'גייט זיך אויסציען, ס'איז אן ענין אז ס'זאל זיין שוואכער, איך ווייס נישט.

**בעל המאור און רבינו תם: אלעס איז כשר, מ'טוט וואס מ'האט געטון**

עני קעיס, דער אזוי זאגט אויך דער בעל המאור, מיין איך, אז די הלכה איז אז אלעס איז כשר, אלעס איז כשר די גאנצע זאך למצוה, נאר רבנו תם האט געזאגט אז אונזער דיו האט א דין קלף, און מ'שרייבט עס מצד הבשר. בקיצור, ס'איז דא פארשידענע, ס'איז דא היינטיגע מענטשן וואס האבן חומרות און זיי מאכן אנדערש, אבער רבנו תם האט שוין געזאגט אז מ'טוט וואס מ'האט געטון שוין.

**"פוק חזי מאי עמא דבר" — "שאל לסופר"**

אזוי גייט די הלכה למשה מסיני. דער רמב"ן זאגט, "פוק חזי מאי עמא דבר", און "שאל לסופר". פרעג וואס דער סופר זאגט, טו וואס דער סופר זאגט. שוין. אזוי פיר איך זיך. ס'איז דא אנדערע מענטשן וואס זיי טוען בעסער און זיי וויסן בעסער וואס דער סופר... הלכה למשה מסיני גייט נישט אריבער צו ליסטעס, ס'גייט אריבער פון סופר צו סופר, אזוי ווי פון מויל צו מויל און רב צו רב, פאר וועמען ס'איז נוגע.

יא, אבער ס'איז קלאר אז ס'איז דא אנדערע וואס האבן געטוהן אנדערש. איך מיין אז דער רמב"ם זאגט אז דער באקאנטער סופר רעדט מיט די נעקסטע באקאנטע סופר, ס'איז נישט דא קיין מחלוקת. זיי טוען אזוי ווי דער רמב"ם, און רבנו תם האט געזאגט אז מ'טוט אנדערש. שוין, שוין.

**איין זאך איז פסול: "אם כתב על הקלף בצד הדוכסוסטוס — פסולה"**

למעשה גייט דיך א טעות אז ס'מוז זיין אז ס'איז כשר. שוין, האבן מיר געלערנט אבער די הלכה איז, און דער רמב"ם אויך לכאורה זאגט אז ס'איז בדיעבד, אבער איין זאך זאגט דער רמב"ם, יא, ס'איז פסול: אז אויב מ'שרייבט אויף די ראנג זייט די תורה, איז עס פסול.

אהא, דאס קומט שוין זיין. דאס האט ער יעצט געזאגט, **"אם כתב על הקלף בצד הדוכסוסטוס, פסולה"**. א תורה טאר נישט זיין אויף די דוכסוסטוס. אויב איינער וויל טענה'ן אז די היינטיגע קלף האט א דין דוכסוסטוס, איז דעמאלטס לויט דעם רמב"ם איז דאס פסול. אויך אויף דעם, אויף די הלכה איכעט איז דא אנדערע שיטות און חילוקים, זאגן אז עס איז יא כשר בדיעבד.

**סברא: אפשר איז דער גאנצער חילוק נישט שייך**

אקעי, עד כאן האבן מיר געלערנט וועלכע חלק פון די עור, וואס הייסט קלאף, די חלקים וואס מען דארף שרייבן. עס קען אבער זיין אז אפילו על פי הלכה, אויב דו קענסט נישט דערקענען א חילוק צווישן די היינטיגע קלאף און גוויל... מען קען דערקענען א חילוק, די שאלה איז צי עס קען נישט עפעס פסל'ן, ווייל די היינטיגע זענען נישט עפעס א דין, עפעס א הלכה, א דין אזא איז עס וואלט געווען לעבן די בשר. ס'איז דאך א נאמען פון א שוואכערע מאטעריאל קלאף. אויב די פראסעס דערפון איז אזוי אנדערש, אז אלע פון זיי זענען גוטע מאטעריאלס, אפגעזען פון וויאזוי ס'איז געמאכט... איך קען דעם הייליגן ערוך השולחן, ער ברענגט דאס אויך.

---

**הלכה י' — עור בבהמה טהורה**

אקעי, יעצט גייען מיר לערנען די הלכה פריער. ס'איז דא טענות, מען קען טענען אז די הלכה מוז נישט זיין. אויך דרך אגב, איך ווייס וואס איז בעסער און וואס ווייס איך. אלעמאל קען זיין אז מען ווייסט נישט צו מאכן יענע וועג, ווייל עס קומט אונז אויס בעסער אזוי, ווייל עס האט געוויסט וואס זיין, עס קען זיין די ספורים פון היינט פארזעען איין מארגן. עניוועיס...

יעצט גייען מיר לערנען אז תפילין און ספרי תורה דארף מען מאכן לשמה, דאס האלט מען פאר דעם, מען האלט דא לשמה. אבער ס'שטייט דא עפעס פריער, איך האב געשריבן לשמה, יא, דא נאך א הלכה. נאך א דין פון וואס די קלאף זאל זיין.

**דער רמב"ם'ס ווערטער**

זאגט דער רמב"ם: **"אין כותבין ספרים, תפילין ומזוזות אלא על עור בהמה וחיה ועוף הטהורים"**. דארף זיין קלאף פון כשר'ע בעלי חיים. **"הבא כותב על עור בהמה וחיה ועוף הטהורים"**. דארף זיין טהור.

זאגט דער רמב"ם, עס מיינט נישט אז עס דארף זיין כשר, אז עס דארף זיין פון א בהמה וואס מען האט געשאכטן, אפילו נבילות וטריפות שלהם איז גוט. עס זאל נאר זיין ממין הטהור.

**דג טהור — פראקטישער פראבלעם**

זאגט דער רמב"ם ווייטער: דאג טהור האט נישט דעם פראבלעם, ס'איז נישט קיין טמא'נע. אבער ס'איז א אנדערע סיבה, אויף הויט פון א דאג טהור קען מען נישט שרייבן, ווייל עס איז האמס, ס'איז זייער שמוציג, ס'איז נישט קיין הויט וואס מען קען ריינינגן. שיינע המוסר פוסקים, באבדו, ביים עס באארבעטן, בעבודה, המוסד איך ווייס נישט וואס. אנדערש ווי אנדערע עורות פון... א פיש איז פישיג, עס קען נישט זיין א פיש דאג טהור.

**דוגמאות: קראקאדייל, סי ליין**

למשל איך האב געטראכט צו מיך, אז דא זעט מען גוטע קוואליטי לעדער וואס איז פון קראקאדיילס, א קראקאדייל איז נישט קיין פיש, קראקאדייל איז א בהמה, אפשר פון עפעס א... יא, אפשר פון עפעס א שרץ המים, עפעס א חיה. רעדט ער דא פון א דאג טהור? און ס'איז אויך געוויסע סכנה. סי ליין האט אויך זייער א גליטשיגע גוטע הויט. איך וואלט נישט געוואלט מאכן א תפילין פון אים.

אבער ווען מ'לערנט הלכה קען מען יא רעדן ווער. איך בין דווקא יא גרייט צו רעדן ווער. אה, וואטעווער, איך מיין... אקעי, ס'איז נישט נוגע וואס דו פאסט. דאך תורה, געוויסע דוגמאות איז דא אזא רמז, נישט נוגע.

---

**הלכה י"א — עיבוד לשמה**

זאגט דער רמב"ם ווייטער. סאו יעצט זאגט מען, לערנען מיר אז די עיבוד דארף מען עס טון לשם ספר תורה. וואס דארף זיין א לשמה?

**דער רמב"ם'ס ווערטער**

זאגט דער רמב"ם, **"עורות של ספר תורה וקלפי תפילין, עושה אותן לספר תורה"**. ס'איז נישט פשוט דו קויפסט עס אין די מארקעט, נאר מ'דארף עס מאכן. **"צריך לעבד אותן לשמן"**, מ'דארף עס מאכן לשמן. **"ואם עיבדן שלא לשמן"**, אויב מ'האט עס אויסגעארבעט שלא לשמן, נישט לשם תפילין אדער ספר תורה, נאר סתם ווען מ'מאכט לעדער, אן צו וויסן צו זען פארוואס עס צו נוצן, איז עס פסול.

**א גוי קען נישט מאכן לשמה**

זאגט דער רמב"ם, קומט ארויס פון דעם אזא הלכה, אז א איד מוז עס טון, ווייל ס'דארף זיין לשמה, דארף א איד אונז זען פארוואס ס'איז. **"לפיכך אם עיבדן הגוי פסולין"**, אויב דער גוי באארבעט עס איז עס פסול. **"אפילו אמרנו לו לעבד עור זה לשם ספר או לשם תפילין"**, אפילו דו זאגסט אים אז די הויט דארף מען צו א ספר אדער צו תפילין, איז עס נאך אלץ פסול. פארוואס? **"שהרי הגוי על דעת עצמו הוא עושה, לא על דעת השוכר אותו"**.

**דער רמב"ם'ס סברא: "על דעת עצמו הוא עושה"**

